בעזהשי"ת

# דבר חריף

## פרשת חיי שרה

שנת תשפ"ה לפ"ק

נלקט משיעריו של
**הגה"צ ר' יהושע העשיל שארף שליט"א**
רב ואב"ד חסידי רוז'ין קרית יואל

הוצאת מובחר

**צו הערן שיעורים**
אויף א דירעקטע ליין

בארץ ישראל - 073.321.1792

בארה"ב - 646.934.6134

# פרשת חיי שרה תשפ"ה

בעזרת השי"ת, ס'איז זונטאג אויף די וועלט, און ס'שטייט אין דברי חיים זי"ע אז ער האט געפירט מלוה מלכה אמאל זונטאג צופרי אויך, הייסט ער האט געגעסן א סעודה זונטאג נאכ'ן דאווענען, מען האט געזינגען די זמירות פון מלוה דמלכה.

ס'איז דא א ווארט פון קדושת ציון פון באבוב זי"ע האט געזאגט אזוי: איש חסיד היה, בלי מזון ומחיה, טייטשט ער אזוי, איש חסיד היה, ס'איז געווען חסידים הראשונים וואס זענען געווען במדריגה עילאה אז אפילו בלי מזון, אפילו זיי האבן נישט געהאט קיין פרנסה כדי צרכם, - 'ומחיה', אף על פי כן זענען זיי געווען מלא חיות, אזא ווארט איז פון הייליגן קדושת ציון.

אונז האמיר דערמאנט די ווארט אף על פי כן, וואס מיינט אף על פי כן, וואס איז פשט אין די ווערטער אף על פי כן? קען מען זאגן אזוי א כוונה, בדרך צחות. ס'איז באמת בדרך צחות אבער ס'ליגט אין דעם, מען זאגט אז אין יעדע ווערטל ליגט א שטיקל אמת. אפשר בדרך צחות, אבער ס'איז אמת לאמיתו.

אף על פי כן, דא מיינט די אף על פי כן, כאטש זיי האבן נישט געהאט קיין פרנסה, אף על פי כן זענען זיי געווען מלא חיות. אסאך

מאל איז דא א מצב אין לעבן, א מצב פאר א מענטש, וואס ס'זעט אים אויס א געוויסע שווערינקייט, ער מאכט עפעס מיט, אבער אף על פי כן ווייסט ער אז אין די שווערינקייט וואס ער מאכט מיט ליגט א טובה. מען טאר נישט זאגן אויף א געוויסע זאך וואס מען מאכט מיט אז יענער איז שולדיג, איך בין אליינס שולדיג, דער איז שולדיג, יענער איז שולדיג, איך האב מיך אליינס אויף זיך געברענגט די שווערינקייט, נאר מען גלייבט באמונה פשוטה, מען גלייבט באמונה שלימה אז אזוי דארף זיין, אזוי האט געדארפט זיין, און אפילו מען מאכט עפעס מיט, ס'גייט אי"ה ארויסקומען א טובה פון דעם, אמאל וועט מען זען די טובה און אמאל וועט מען נישט זען די טובה, אמאל בנגלה וועט מען זען די טובה אמאל נישט.

ס'שטייט דארט די פרשה פון נגעים, מען איז געקומען צום כהן האט מען געזאגט 'כ'נגע נראה לי בבית, פארוואס האט מען נישט געזאגט נגע נראה לי בבית, און דארט האט מען טאקע געזען בחוש אז אונטער די נגעים אונטער די שווערינקייט ליגט..א טובה, פארוואס? די כהן איז געקומען אין שטוב און געזען די נגע, האט ער געהייסן אויפברעכן די שטוב, און דורכ'ן אויפברעכן די וואנט האט מען געטראפן א אוצר, ס'איז געווען באהאלטן די אוצרות דארט, די אמוריים האבן עס דאך דארט באהאלטן.

איז דאס דארף יעדע איד קענען איינ'חזר'ן אין זיך שטענדיג, חזר'ן אין זיך און זאגן כסדר אויף יעדע מאורע וואס געשעט, אז ס'האט זיכער געדארפט אזוי זיין און ס'גייט ארויסקומען א טובה, פונקט ווי ביי די טובה וואס איז

ארויסגעקומען פון א נגע אז ס'איז ארויסגעקומען א אוצר, אזוי ליגט א אוצר בלום אין יעדע טובה, מאתו לא תצא רעות.

וועגן דעם דארף מען זאגן 'כ'נגע נראה לי בבית, ס'זעט מיר אויס ווי א נגע, יעדע עגמת נפש וואס א מענטש מאכט מיט, עס זעט אויס ווי א עגמת נפש אבער ס'איז נישט קיין עגמת נפש.

דאס קען מען טייטשן אין די ווערטער "אף על פי כן", 'אף' ס'איז א בחינה פון א 'אף' מאכסט מיט א שווערינקייט, אבער 'על פי', אויפ'ן מויל זאלסטו זאגן 'כן', אז ס'ליגט דא א טובה – א טובה נגלה. דורכ'ן זאגן אליינס קען מען אמאל ממשיך זיין גוטע ענינים, ישועות, אמונה, א מענטש וויל זען ישועות אמונה האט א כח פון א המשכה, ס'ברענגט אראפ ישועות די אמונה, דאס ברענגט עס אראפ, עס איז ממחיש די ישועה אז ממאכט חלילה עפעס מיט מווארט אויף א ישועה, די ישועה וועט אנקומען דורך אמונה.

איז דאס איז די אף על פי כן, אפילו ס'זעט אויס אזוי און אזוי, וועל איך זאגן אויפ'ן מויל אז ס'איז 'יא' גוט.

נאך א פשט קען מען זאגן אף על פי כן, אף מיינט אויך, אויך מיינט נאך עפעס, נאך עפעס מיינט אז ס'איז דא נאך א זאך, נאך א זאך מיינט אז ס'איז דא עפעס מער, דאס מיינט אז ס'איז דא א בחינה פון א איבריגע זאך, מותרות, אין אנדערע ווערטער מען רעדט פון איבריגע זאכן דא, אף קען מיינען א איבריגע זאך. יעדע זאך וואס זעט אויס די מענטש איבריג, פארוואס האט דאס געדארפט געשען, ס'זעט דאך אויס איבריג, וואס פעלט עס אויס? אף - די זאכן, כאטש ס'זעט דיר אויס איבריג, אעפ"כ זאלסטו זאגן אז ס'איז נישט

איבריג. כן איז כ׳ נ׳, וואס איז גימטריא ע׳ וועסט באמת מעיי״ן זיין וועסטו זען אז ס׳איז גוט, אדער כ׳ נ׳ איז כ״ף איז א לשון פון כ׳פיה נו״ן איז פארשטיין, בינה, ווייל ס׳איז דא נ׳ שערי בינה, כ״ף א מענטש דארף זיך געבן א בייג אמאל, כף אחת עשרה זהב, זיך געבן איין בייג, וואס אזוי ווערט מען א גאלדענע יו״ד ווי סשטייט פון ר׳ מאיר פרעמישלאנער זי״ע.

אף על פי כן, זאלסט פארשטיין נ׳ שערי בינה, אז כ״ף זיך געבן א בייג און פארשטיין אז אזוי וואלט געדארפט זיין, נישט קיין חילוק וואס ווען און ווי.

אין די וואכעדיגע סדרא, ויהיו חיי שרה מאה שנה ועשרים שנה ושבע שנים שני חיי שרה, זאגט רש״י שני חיי שרה כולן שוין לטובה, זאגט די מדרש.. יודע ה׳ ימי תמימים ונחלתם לעולם תהיה, די מדרש דרש׳נט כשם שהם תמימים כך שנותיהם תמימים. די מפרשים שטעלן זיך אלע, וואס איז די חידוש פון דעם אז שנותיהם של צדיקים תמימים, וכי יש שנים שאינם תמימים?

די כוונה דא איז אזוי, אז ס׳גייט טאקע ארויף אויף, ס׳שטייט מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראות טוב נצור לשונך מרע ושפתיך מדבר מרמה סור מרע ועשה טוב. מי האיש החפץ חיים וועלכע מענטשן וויל אז כל ימי חייו - ימים שיש בהם חפץ - אפילו די ימי הצער ועוני, צדיקים אפילו ס׳זעט זיי אויס שלעכט ווייסן זיי אז ס׳איז נישט שלעכט - ס׳איז דא מענטשן וואס זענען נישט אויף אזא הויכע מדריגה, זיי קענען נישט פארשטיין פארוואס ס׳קומט זיי א שוועריגקייט, די ימים ושנים וואס א מענטש איז סובל צער און יסורים, ער וויל עס נישט

אריינרעכענען תוך ימי חייו, ימים שאין בהם חפץ.

דאס איז ביי אנשים פשוטים, אבער ביי צדיקים בני עליה, זיי ווייסן פארשטייען אז אלעס איז מן השמים, איין שטיק חסד, ווי ס'שטייט אין די גמרא ביי נחום איש גם זו ער האט געהאלטן אין איין זאגן גם זו לטובה, אפילו למראית עין זעט אויס שלעכט אבער ביי מענטשן וואס זענען בני עליה איז נישט שייך קיין ימים רעים,

דאס איז פשט מי האיש החפץ חיים אוהב ימים לראוב טוב, דער וואס האט ליב צו זען אלע זיינע טעג, אפילו ימי הצער זעט ער נאר טוב, אויף דעם זאגט די פסוק נצור לשונך מרע ושפתך מדבר מרמה, ער זאל נישט זאגן אויפ'ן מויל אז ס'איז שלעכט ח"ו. ווען איינער זאגט אז ס'איז שלעכט איז עס שקר ומרמה, ושפתיך מדבר מרמה, סור מרע ועשה טוב, ער זאל נישט זאגן אז ס'איז שלעכט נאר ס'איז טוב.

א מענטש דארף זיך מתבונן זיין אז אלע צרות און יסורים וואס מען מאכט מיט אויף די וועלט איז נאר לפי שעה און נאך אביסל וועט זיין יעבור זעם, והתבוננת על מקומו, אבער די טובה די ברכה וואס איז באהאלטן אין יעדע צרה דאס איז א דבר נצחי, אויף דורות עולם.

קומט אויס אז איינער וואס קוקט אויף דעם בעיני השכל איז די ימי הצער זענען נישט נחשב בעיניו כימים הרעים שאין בהם חפץ, פארוואס, ווייל ער פארשטייט אז די צער איז נאר לפי שעה משא"כ די טובות די חסדים איז באהאלטן אין דעם גרויסע גרויסע טובות נצחים לדורות עולם.

מען האט פריער דערמאנט דעם דעם ענין פון אף על פי כן, כוויל

דערמאנען נאך א מאמר וואס מען זאגט, ס'איז דא אף על פי כן, ס'איז דא מה שאין כן. אונז האמיר גערעדט פון א מענטש מאכט עפעס מיט און דאס איז טאקע ימי חיי שרה, יודע ה' ימי תמימים, זי איז אלס געווען מיט די בחינה פון ימי תמימום,

פארוואס, ווייל זי האט געזאגט אפילו זי האט דאך מיטגעמאכט אזויפיל צער אין לעבן, ביז די 90 יאר האט זי נישט געהאט קיין קינדער, מיט דעם אלעם פאר איר איז אלעס געווען טוב שרה אמינו איז געווען געפאנגען ביי פרעה, למראית עין האט עס אויסגעזען ווי א גרויסע צרה, אבער מיט דעם אלעם, שטייט אין מדרש אז דורכדעם וואס שרה אמינו איז געווען אין מצרים וגדרה עצמה מן הערוה נגדרו כל הנשים במצרים בזכותה, בזכות וואס זי האט זיך גודר געווען מן הערוה ווען זי איז געווען געפאנגען ביי פרעה, דאס איז וואס איז בייגעשטאנען פאר אלע נשים וואס זענען געווען ביי פרעה בשעבוד מצרים, זיי זענען געראטעוועט געווארן פון דעם נסיון.

קומט אויס ס'איז געווען א מורא'דיגע טובה אז אראפגעגאנגען קיין מצרים. דאס איז פשט וואס די מדרש זאגט, ויהיו חיי שנה, יודע ה' ימי תמימים ונחלתם לעולם תהיה כשם שהם תמימות כך שנותיהם תמימות, דאס ווייסט מען אז זיי זענען תמימים אז זיי זענען מקיים דעם ענין פון תמים תהיה עם ה' אלקיך,

ווי רש"י זאגט כל מה שיבוא עליך קבל בתמימות, מען גלייבט אלעס אלעס וואס דער אייבערשטער קומט אויף א מענטש ס'איז אלס טובות וחסדים, אזוי אויך שנותיהם תמימים, אלע יארן, אויך די ימי

הצער ועוני זענען אויך ימים שיש בהם חפץ, די פסוק זאגט ווייטער ונחלתם לעולם תהיה.

פארוואס זענען די טעג חשוב בעיניהם צו גוטע טעג, אפילו ס'איז דא זאכן וואס זעען אויס ווי ח"ו שלעכטע זאכן ווייל זיי ווייסן אז די חיי צער איז נאר א זמן מוגבל לפי שעה, אבער די טובה ונחלתם לעולם תהיהדי שווערigקייט איז נאר טעמפערערי א צייטווייליגע זאך.

איז דאס וואס מהאט דערמאנט די חילוק פון מה שאין כן און אף על פי כן, א מענטש דארף אמאל וויסן, 'מה שאין', אז ער איז א בחינת 'אין', 'כן', דעמאלטס איז ער עפעס, אויך 'מה שאין', זאכן וואס זעען אויס ווי גארנישט, ס'טוט גארנישט אויף, 'כן' דעמאלטס טוט ער אויף, און די זעלבע זאך די שמועס וואס מען האט יעצט גערעדט, 'מה שאין', ס'זעט אויס מען האט גארנישט, וואס פעלט אויס די יסורים, דארף מען וויסן 'כן' א טובה נצחית קומט ארויס פון דעם.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז מען זאל נישט דארפן צוקומען צו קיין שוועריגקייטן, מען זאל נישט דארפן צוקומען צו קיין צרות, מען זאל נישט דארפן צוקומען צו קיין יסורים, נאר ס'זאל זיין טוב הנגלה, שטענדיג זען חסדים ווי צדיקים האבן געזאגט בבחינת למטה מעשרה טפחים.

די דורכשניטליכע מענטש קען נישט היינט פארטראגן וואס א דורכשניטליכע מענטש האט געקענט פארטראגן פאר 20 יאר צוריק, צי פאר 30 יאר צוריק, פאר 50 יאר צוריק. דער הייליגער ריזשינער זי"ע האט געזאגט אז פאר משיח וועט קומען וועט אראפקומען א מחלה פון נערוון אויף די וועלט.

א צווייטע מקום.ווערט געברענגט פון ריזשינער זי"ע אזא ווארט, ער זיך אמאל אויסגעדרוקט, באשעפער וואס ווילסטו פון דיינע קינדער, מען בינדט זיי צו די אויגן, מען שטאפט זיי צו דאס הארץ און די ווילסט עפעס הערן פון זיי? פאלגזשע מיר פאלגזשע מיר, בינד זיי אויף די אויגן, שטאפ זיי אויף דאס הארץ וועסטו הערן פון זיי שירות ותשבחות.

איז די מצב וואס מען איז היינט אז א מענטש מאכט מיט עפעס אביסל א שוועריגקייט, ווערט ער אינגאנצן אוועקגעטראגן, ער האט נישט קיין קאפ און נישט קיין מוח צו גארנישט. בעטן מיר פון אייבערשטן ס'זאל זיין חסדים מגולים, וואס קומט ארויס פון די צרה זאל זיין אנדעם אויך, ס'זאל זיין גוט אזוי אויך.

די הייליגע צאנזער רב זי"ע האט אמאל געזאגט, אז כלל ישראל וועט גוט גיין איז א בחינה פון מלך ישראל וגואלו ס'ווערט געברענגט פון ר' מאטעלע טשערנאבילער ספר פלא יועץ, די איידעם פון צאנזער רב, זאגט אז זיין שווער ז"ל האט געזאגט אז א מדינה וואס די אנשי מדינה וואס זענען אנשים מוצלחים, לאמיר זאגן א מדינה ווי אמעריקע כלפי א מדינה פון אפריקע, א מדינה אמעריקע הייסט דער פרעזידענט ארויפגעקוקט, דער שר פון די מדינה, דער מלך פון די מדינה הייסט ארויפגעקוקטע קעניג, פארוואס? ער איז פון א געוויסע בחינה פון די מאכטפולסטע מענטשן אויף די וועלט.

אבער דער פרעזידענט פון א מדינה פון אפריקע איז דאך נישט ארויפגעקוקטע מענטש.

אז כלל ישראל גייט גוט, האט די צאנזער רב זי"ע זיך אויסגעדריקט, דעמאלס איז די אייבערשטער, בבחינת מלך ישראל וגואלו, אבער אויב כלל ישראל גייט נישט גוט האט ער זיך אויסגעדריקט איז ליידער א בחינה פון מלך אביון און צאנזער רב האט געוואלט מרמז זיין כלפי מעלה אז כלל ישראל זאל שטענדיג גוט גיין.

זאל דער אייבערשטער העלפן אז מען זאל שוין זוכה זיין אז מען וועט שוין זען טוב הנגלה, מען וועט שוין זען אלעס וואס מען האט מיטגעמאכט, סיי וואס יעדע מענטש פריוואט האט מיטגעמאכט און סיי אלע צרות וואס אידן האבן מיטגעמאכט בכל הדורות, ס'זאל שוין נתגלה ווערן לעין כל, מען וועט זען די אוצר בלום, די אוצר תחת הנגע, וואס קומט ארויס פון נגעים, די אוצרות וואס זענען ארויסגעקומען פון דעם, און ווען משיח וועט קומען, און אויך ביז משיח וועט קומען עס זאל נישט אויספעלן קיין צרות צו זען די אוצרות, ס'זאל זיין די אוצרות לכתחילה, פארשטייט זיך אויב ס'איז שייך אויף ווי ווייט שייך, און מען זאל שוין זוכה זיין צו זען אז ס'זאל זיין יתגדל ויתקדש שמי' רבא ווען ס'וועט זיין, מען וועט זוכה זיין כי עין בעין נראה בשוב השם ציון במהרה בימינו אמן.